STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03509

ETISHER SOTSYALIZM

N. Pomerantz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. פאָמעראַנץ

עטישער סאָציאַליזם

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „אידישער קעמפער״
ניו יאָרק, 1940

200

LIBRARY
OF
DR. JAMES GLOBUS

וויסנשאַפט אָדער רעוואָלוציאָנערע סטראַטעגיע?

אין „אַנטי דיורינג" שרייבט פרידריך ענגעלס אַזוי:

„אָט די צוויי אַנטדעקונגען — די מאַטעריאַליסטישע אויפ־פאַסונג פון געשיכטע, און די אַנטדעקונג פון דעם סוד פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע דורך מערווערט — האָבן מיר צו פאַרדאַנקען מאַרקס'ן. מיט אָט די אַנטדעקונגען איז דער סאָציאַליזם געוואָרן אַ וויסנשאַפט".

„די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון געשיכטע, — זאָגט דאָרט ענגעלס, — הויבט אָן מיט דער הנחה . . . אַז אין יעדער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער געשיכטע, הענגט אָפּ דער אופן ווי אַזוי רייכטום ווערט פאַרטיילט, און ווי אַזוי די געזעלשאַפט ווערט צעטיילט אין קלאַסן אָדער שיכטן, אָן דעם, וואָס עס ווערט פּראָדוצירט, און ווי אַזוי די פּראָדוקטן ווערן אויסגעטוישט".

אָט די אַנטדעקונג, צוזאַמען מיט דער צווייטער אַנטדע־

קונג, די אַרבעטס־טעאָריע פון ווערט, — ד. ה., אַז ווערט קומט אויסשליסלאַך פון אַרבעט, און אַז קאַפּיטאַל ווערט פאַר־מירט פון דעם מערווערט, פון יענעם טייל, וואָס דער אונ־טערנעמער דערצאָלט ניט דעם שאַפער פונם פולן ווערט, דעם אַרבעטער, — האָט, הייסט עס, דערמעגלאַכט מאַרקס׳ן צו פאַרוואַנדלען דעם סאָציאַליזם פון אַן אוטאָפּיע אין אַ וויסנ־שאַפט.

„פאַר די אוטאָפּיסטן", — זאָגט ענגעלס, — „איז סאָציאַליזם געווען דער אויסדרוק פון אַבסאָלוטן אמת, שכל און יושר". פאַר מאַרקס׳ן, אָבער, איז סאָציאַליזם געוואָרן דער אומפאַרמיידלאַכער עטאַפּ אין עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג.

מיט דעם כוח פון דער „אומפאַרמיידלאַכקייט" פון דאָס קומען פון סאָציאַליזם, אַלס דער פאָלגנדער עקאָנאָמישער אַנט־וויקלונגס־עטאַפּ, האָט מאַרקס פון דעם סאָציאַליסטישן פּע־דעסטאַל מיט פאַראַכטונג אַרונטערגעשמיסן די פאַרעלטערטע באַגריפן „אמת, שכל און יושר", און אויף זייער אָרט אַוועק־געשטעלט דעם קרעפטיקן, לעבנס־לוסטיקן און לעבנס־פעאיקן באַגריף „אינטערעס", „קלאַסן־אינטערעס".

מיט דעם כוח פון וויסנשאַפט, מיט דעם כוח פון „אומ־פאַרמיידלאַכקייט" האָט זיך מאַרקס׳ן איינגעגעבן מיט אַ 70 יאָר צוריק (אין 1872) אויסצושליסן פון ערשטן סאָציאַליס־

טישן אינטערנאַציאָנאַל באַקונינ'ען און זיינע נאָכפאָלגער, אַלע יענע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געווען אַזוי „נאַאיוו" צו גלויבן אין דעם „אוטאָפּיסטישן" אידעאַליזם, ד. ה. אַז סאָציאַליזם איז דער אויסדרוק אָדער דער דיקטאַט פון „אַבסאָלוטן אמת, שכל און יושר", — און איינצונעמען די סאָציאַליסטישע פעסטונג און באַוועגונג פאַר דעם מאַטעריאַליזם — פאַר „אינ־טערעס".

***

וועגן דעם, צי מאַרקסיזם איז טאַקע „וויסנשאַפט"; ווי ווייט די סאָציאַלע וויסנשאַפטן בכלל קענען באַטראַכט ווערן ווי עקזאַקטע וויסנשאַפטן; און, הויפּטזעכלאַך, צי קען מען, און אויף ווי ווייט קען מען, אויף זייער גרונט פאָראויסזען אָדער פאָראויסזאָגן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג און גאַנג פון געשיכטע אָדער פון דערווירטשאַפטלאַכער אָרדענונג, — וועגן דעם איז דאָ זייער אַ סך צו ריידן. גאַנצע ביבליאָטעקן מיט ביכער זיינען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן די דאָזיקע פראַגן, און, איבעריק צו זאָגן, די פראַגן זיינען נאָך ווייט פון אַן ענדגילטיקער לייזונג.

איך וויל דאָ די דאָזיקע פראַגן בלויז באַרירן.

אין דעם „פּאָליטיקעל סייענס קוואָטערלי" (יוני, 1939), איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון איינעם ברייענט סמיט, אין

וועלכן דער שרייבער באמיט זיך צו באווייזן, אז דאס לעבן אין אלגעמיין איז צו ברייט, צו דינאמיש, אז עס זאל מעגלאך זיין וועגן אים אין פאראויס עטוואס באשטימטעס צו זאגן. איז דאס ניט קיין נייעס, אבער דער שרייבער ברענגט אינם דערמאנטן ארטיקל איין ארגומענט אדער אילוסטראציע, וואס איז, ווי ווייט מיר איז באקאנט, יא נײ. ער זאגט: פילע מיינען, אז די נביאות פון עדווארד בעלאמי זיינען דער בעסטער באווייז, אז מ'קען יא וויסן אין פאראויס וואס די צוקונפט וועט ברענגען. אט האט ער דאך, אין 1887, פאראויסגעזאגט אין זיין בוך „לוקינג בעקווארד" דאס אויפקומען פון דראטלאזן טעלעגראף און ראדיא. אבער די וואס ברענגען דעם דאזיקן באווייז, — באמערקט ברייענט סמיט, — פארגעסן צו דערמאנען, וויפיל פון בעלאמי'ס נביאות'ן זיינען ניט מקוים געווארן. וואס איז, למשל, מיט זיין פאראויסזאגונג, אז אין דער צוקונפט וועלן אין די גרויסע שטעט אויפגעבויט ווערן ריזיקע שירעמס, וואס וועלן זיי באשיצן קעגן רעגן און זון? יא, וואו זיינען זיי, די דאזיקע שירעמס, און נאך אנדערע אזעלכע נביאות'ן בעלאמי'ס, וואס זיינען ניט מקוים געווארן?

מיט אנדערע ווערטער: הגם מ'קען אמאל יא טרעפן געוויסע זאכן וועגן דער צוקונפט, זיינען זיי אבער אומבאדייטנד אנטקעגן די אן א שיער פאראויסזאגונגען און נביאות'ן, וואס

שטעלן זיך שפּעטער אַרויס צו זיין ניט מער ווי דער פּראָדוקט פון פאַנטאַזיע, פון אַ הייסן וואונש, אָבער בשום אופן ניט פון אַ „וויסנשאַפט", אויף וועלכער מ'זאָל קענען בויען אַ שטאַנדהאַפטן בנין.

אין זיין גרויס ווערק „קאָנטעמפּאָראַרי סאָשיאָלאָדזשיקאַל טיאָריס" („סאָציאָלאָגישע טעאָריעס פון אונזער צייט") ווידמעט פּראָפעסאָר פּיטירים סאָראָקין אַ קאַפּיטל פון קאַרגע הונדערט זייטלאַך דעם מאַרקסיזם. ער ווייזט דאָרט מיט ציטאַטן, אַנהויבנדיק אַזש פון פּלאַטאָ'ן, אַז מאַרקס'עס געדאַנקען זיינען ניט קיין נייע, און אַז דאָס, וואָס ער האָט אַליין צוגעגעבן, האַלט ניט אויס קיין קריטיק.

פּראָפעסאָר סאָראָקין מאַכט פּשוט אַ תל פון מאַרקס'ן, און ער קומט צום אויספיר, אַז מאַרקס'עס גאַנצער ריזיקער בנין איז ניט מער ווי . . . „סטערילער ווערבאַליזם". דאָס הייסט — פּוסטע, אינהאַלטסלאָזע רייד, וואָס טראָגן אין זיך ניט קיין אמת'ע גייסטיקע פּרוכט.

דאָס איז זייער אַ געוואַגטער אורטייל, אפילו ווען עס טראָגט אים אַרויס אַזאַ מענש ווי סאָראָקין. אָבער פּראָפעסאָר סאָראָקין איז אַ דענקער מיט אַ רעפּוטאַציע און מיט ברייטע פּלייצעס, קען ער טראָגן די אחריות פאַר זיינע אייגענע רייד. עס איז בלויז כדאי צו באַמערקן, אַז אין דער וועלט פון גע-

דאנק איז עס ניט קיין נאווינע, ווען א דענקער מיט גרויסע גייסטיקע פעיאיקייטן און מיט א רייכער ערודיציע שטעלט־אויף א ריזיקן גייסטיקן בנין, און נאכדעם ווייזט זיך ארויס, אז דער גאנצער בנין שטייט אויף זאמד, האט ניט אונטער זיך קיין געזונטן פונדאמענט. די גאנצע סכאלאסטישע ליטע־ראטור, למשל, איינגעשלאסן אונזער אייגענעם תלמוד, געהערט דאך צו אט דעם מין ליטעראטור, אדער פילאזאפיע. לאמיר נעמען אלס ביישפיל די פראגע, צי מ׳מעג עסן אן איי, וואס א הון איז „איינגעפאלן" צו לייגן דוקא אום יום טוב. די רייד פון בית־הלל, וואס זאגן, אז מ׳מעג יא עסן דאס איי, און פון בית־שמאי, וואס זאגן, אז מען טאר עס ניט עסן, מעגן זיך זיין אנגעשטאפט סיי מיט בקיאות און סיי מיט חריפות, זיינען זיי אבער פארט ניט מער ווי „סטערילער ווערבאליזם". ווארים די גאנצע „פראבלעם" איז קיין שמעק טאבאק ניט ווערט.

די פילאזאפישע פראבלעם, מיט וועלכער מארקס גיט זיך אפ, איז שוין גראד יא א וויכטיקע. דענקער פון אלע צייטן האבן זיך אפגעגעבן מיט דער פראגע, צי האט דער מענש א „פרייען ווילן", אדער ניט; און אויב ניט, פון וואס ווערט זיין ווילן „קאנטראלירט" — פון „גאט", „שיקזאל", „בלוט" (ירושה), פון האביטאט, אומגעבונג, ברויט־אינטערעס א. א. וו.

אָט די אַלע פראַגן געהערן, אייגנטלאַך, צום געביט פון מעטאַפיזיק. אַפילו ווען מ׳זאָל אָננעמען די „חכמה״, וואָס אימיצער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז מעטאַפיזיק מיינט ניט מער ווי אָט וואָס: אַ בלינדער מאַן אין אַ פינסטערן צימער זוכט אַ שוואַרצע קאַץ, וואָס... געפינט זיך דאָרט גאָרניט, — אפילו ווען מ׳זאָל אָננעמען, אַז דער מענש וועט קיינמאָל גאָרניט „געפינען״, וואָרים די „שוואַרצע קאַץ״ איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, — אפילו דעמאָלט קען מען פונדעסטוועגן ניט צווייפלען, אַז דער מענש וועט אַלץ האַלטן אין זוכן, ווייל דער דראַנג צו דערגיין דעם אמת איז אַן „אָרגאַנישער״ טייל פון דער מענשלאַכער נאַטור.

אָבער, איך בעט אייך, וואָס האָבן אָט די אַלע זייער אינ־טערעסאַנטע פראַגן צו טאָן מיט סאָציאַליזם, מיט דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג? וואָס דער אמת זאָל ניט זיין וועגן דעם גראַד „פרייהייט״, וואָס דער מענש באַזיצט, איינס איז דאָך זיכער: אַ באַוועגונג, וואָס נעמט אַרום אַ געוויסע צאָל גלייך־דענקענדיקע מענשן, און וואָס שטעלט זיך געוויסע צילן און אויפגאַבן, מוז דאָך אויסאיבן עפּעס אַ ווירקונג אויף פּאַ־סירונגען. אַז ניט, האָט דאָך בכלל קיין זינען ניט צו אָרגאַניזירן באַוועגונגען. עפּעס „פרייקייט״ האָט דאָך אפילו דער מעכאַ־נישער פערד פון אַ קאַרוסעליע, און אַ מענש האָט דאָך לכל

הדעות א קאפיטשקע מער „פרייהייט” ווי דער מעכאנישער פערד. לאמיר אננעמען, אז א באוואוסטזיניקע באוועגונג פון מענשן קען האבן א ווירקונג אויף דעם אנטוויקלונגס־פראצעס פון דער געזעלשאפט בלויז אין גאנץ באשטימטע, ענגע גרעניצן. אבער אין אט די גרעניצן האט זי דאך יא עפעס א ווירקונג. היינט ווי באלד אזוי, — און אנדערש קען דאך דאס ניט זיין, — צו וואס, איך בעט איך, דארף די סאציאליסטישע באוועגונג ארויפשלעפן אויף זיך דעם מעטאפיזישן הויקער, וואס מוז מאכן שווערער דעם וועג פון יעדער ציל־באוואוסטער באוועגונג? פארוואס זאל זי זיך בעסער ניט אפגעבן אויסשליסלאך מיט יענע אויפגאבן און צילן, וואס ליגן יא אין דעם געביט פון מעגלאכקייט, איבערלאזנדיק די מעטאפיזישע פראגן, — וואס ווער וויס, צי מען וועט ווען עס איז געפינען אן ענטפער אויף זיי! — פאר די פילאזאפן? מיט דער סאציאליסטישער באוועגונג האבן דאך אייגנטלאך די דאזיקע פראגן גארניט צו טאן.

⁂

פרעגט מען זיך: ווי קומט עס, וואס עס איז געלונגען דעם מארקסיזם צו נעמען געפאנגען די סאציאליסטישע באוועגונג? — מוז מען דערויף ענטפערן:

ניט מיט זיין „וויסנשאפט”, און ניט מיט זיין „פילאזאפיע”,

נאָר דערמיט, וואָס עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער מאַרקסיזם לעגט פאָר אַ בעסערן סטראַטעגישן וועג ווי אַזוי דעם סאָציאַליזם צו פאַרווירקלאַכן, איידער די אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען ביז אים.

דאָס האָט מאַרקס'עס סטראַטעגישער פּלאַן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע אַזוי אימפּאָנירט די סאָציאַליסטישע וועלט, אַז זי האָט מסכים געווען צו לאָזן ארויסקלאַפּן פון אונטער איר געביידע דעם פונדאַמענט פון „אַבסאָלוטן אמת, שכל און יושר".

מאַרקס' סטראַטעגיע איז באמת געווען אַן אַטעם־פאַרכאַפּנדיקע:

פריער איז דער סאָציאַליזם געווען אַן אידעאַל, וואָס הגם אַ סך מענשן אין אַלע צייטן האָבן גע'חלומ'ט וועגן אים און גערעדט וועגן אים, איז אָבער הינטער דעם דאָזיקן אידעאַל ניט געווען קיין אָרגאַניזירטע, „שטייענדיקע" אַרמיי, וואָס זאָל קעמפן פאַר אים, פאַר זיין פאַרווירקלאַכונג. איז מאַרקס געקומען און צוגעשטעלט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַ פּלאַן — ווי אַזוי אַט אַזאַ אַרמיי צו שאַפן.

די רעקרוטן און די רעזערוון פון אַזאַ אַרמיי, — האָט מאַרקס פּאַקטיש געזאָגט, — געפינען זיך אין די מינען, פאַבריקן און ווערקשטאַטן, וואו דער אויפקומענדיקער קאַפּיטאַליזם האָט צוזאַמענגעבראַכט מיליאָנען מענשן, וואָס באַזיצן אַליין

גאָרניט אַ חוץ זייער אַרבעטס־קראַפט, וועלכע זיי זיינען געצוואונגען צו פאַרקויפן צו די קאַפּיטאַליסטן. אַלץ, וואָס עס איז נויטיק, כדי פון דער דאָזיקער פּאָטענציעלער אַרמיי צו מאַכן אַ ווירקלאַכע אַרמיי, אַן אַרמיי, וואָס זאָל קעמפן פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז צו פאַרזאָרגן די אַרבעטער מיט אַן אידעאָלאָגיע, אַז זיי זיינען אַן איינהייטלאַכער קלאַס, וואָס די געשיכטע האָט באַשטימט פאַר אַ געוויסן צוועק; אַז הונדערטער דורות קוקן אַרונטער — ווי אַן אַנדער סטראַטעג, נאַפּאָלעאָן, האָט געזאָגט צו זיינע לעגיאָנערן וועגן די פּיראַמידן אין עגיפּטן — אויף זיי, אויף די אַרבעטער, און לייגן אויף זיי די האָפענונג, אַז זיי וועלן ענדלאַך איינפירן דעם סאָציאַליזם.

דאָס איז געווען אַ וואונדערלאַכע אילוזיע. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס צוליב דעם דאָזיקן סטראַטעגישן פּלאַן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע זיינען סאָציאַליסטן מסכים געווען צו פאַרוואַרפן, — צייטווייליק, ביז נאָך דער רעוואָלוציע, — דעם „אַבסאָלוטן אמת, שכל און יושר", וואָס איז אין אמת'ן דער איינציקער פונדאַמענט, אַן וועלכן די סאָציאַליסטישע געביידע האַלט זיך „אויף הינערשע פיסלאַך". ווען עס וואָלט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער סטראַטעגישער פּלאַן איז אַ ריכטיקער, אַז ער האָט טאַקע זיין ציל דערגרייכט, וואָלט אפשר טאַקע כדאַי געווען דעם דאָזיקן גרויסן קרבן צו ברענגען.

די צרה איז אָבער, וואָס דאָס ווירקלאַכע לעבן, — אָט יענער שטרענגער „רעוויזאָר", וועלכן קיינער קען ניט אויס־מיידן, — האָט געוויזן, אַז מאַרקס'עס סטראַטעגישער פּלאַן האָט ניט דערפירט צו די דערוואַרטונגען און האָפענונגען, וואָס מ'האָט אויף אים געלייגט. און, וואָס איז נאָך ערגער, אָנשטאָט אַ זיג האָט אָט דער „סטראַטעגישער פּלאַן" דערפירט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צו אַזאַ ציניזם און ברוטאַליזאַציע, וואָס האָט געבראַכט שאַנד — סיי אויף איר און סיי אויפן סאָציאַליסטישן אידעאַל.

דעריבער שטייען איצט אַ סך סאָציאַליסטן צעמישטע, פאַרלוירענע און זיי פרעגן זיך: האָט זיך געלוינט אויסצובויטן דאָס האַרץ פון סאָציאַליזם, דעם אידעאַל, אויף דער מעכאַנישער באַטעריי פון מאַטעריאַליזם ? האָט מען געמעגט אַרויסרייסן די נשמה פון אידעאַל און אויף איר פּלאַץ אַריינשטעלן דאָס עלעקטרישע לעמפּל פון אינטערעס, אפילו ווען מ'רופט עס קלאַסן־אינטערעס ?

דער באַנקראָט פון דער מאַרקסיס־טישער סטראַטעגיע

דער מאַרקסיסטישער סטראַטעגישער פּלאַן איז געווען באַזירט אויף זייער קלאָרע, איינפאַכע הנחות.

1. דער שטאַטישער פּראָלעטאַריאַט וועט גאָר אינגיכן ווערן די וויט־גרעסטע איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער געזעלשאַפט.

[וואָרים „דער פּראָלעטאַריאַט ווערט רעקרוטירט פון אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט... די נידעריקע פּלאַסטן פון דעם מיטל־קלאַס — די קליינע הענדלער, קרעמער,... די בעל־מלאכות (האַנט־אַרבעטער) און פּויערים — זיי אַלע זינקען שטופנוויז אַריין אין דעם פּראָלעטאַריאַט...”]

2. דער פּראָלעטאַריאַט ווערט גאָר גיך אַן איינהייטלאַכער קלאַס מיט איינע און די זעלבע אינטערעסן.

[וואָרים „די פאַרשיידענע אינטערעסן און לעבנס־באַדינגונגען אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט ווערן

אַלץ מער און מער אויסגעגליכן, אין פּראָפּאָרציע ווי מאַשינעריי ווישט אָפּ אַלע אונטערשיידן פון אַר־בעט, און רעדוצירט שכירות כמעט אומעטום צו דעם זעלבן נידעריקן מצב".]

3. די לעבנס־באַדינגונגען פון פּראָלעטאַריאַט זיינען זייער טרויעריקע און זיי ווערן אַלץ ערגער. דער פּראָלעטאַריאַט פאַרלירט דעריבער יעדן געפיל פון שותפות אין דער עקזיס־טירנדיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, און ער ווערט איר ביטערער שונא.

[„...די פּראָדוקציע־קאָסטן פון אַן אַרבעטער (ד. ה. די שכירות) זיינען באַגרעניצט, כמעט אינגאַנצן אויף די לעבנס־מיטלען, וואָס ער דאַרף פאַר זיין דער־האַלטונג און פאַר דער פאַרזעצונג פון דעם מין".

„דער מאָדערנער אַרבעטער... אַנשטאָט זיך אויפ־הייבן מיט דעם פּראָגרעס פון דער אינדוסטריע, זינקט טיפער און טיפער אונטער די עקזיסטענץ־באַדינגונגען פון זיין אייגענעם קלאַס. ער ווערט אַ „פּויפּער" (אַ בעטלער, אַ שנאָרער, וואָס הענגט אָפּ פון צדקה), און „פּויפּעריזם" אַנטוויקלט זיך שנע־לער ווי די באַפעלקערונג און דאָס רייכטום"...

„...דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט קיין אייגנ־

טום; זיין באַציאונג צו זיין ווייב און קינדער האָט מער גאָרנישט געמיינשאַפטלאַכעס מיט די בורזשואַזע פאַמיליע־באַציאונגען; די מאָדערנע אינדוסטריעלע אַרבעט... האָט פון אים (פון דעם אַרבעטער) אָרונ־טערגעריסן יעדן סימן פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. געזעץ, מאָראַל, רעליגיע זיינען פאַר אים ניט מער ווי בורזשואַזע פאָראורטיילן, הינטער וועלכע עס ליגן פאַרשטעקט ניט מער ווי בורזשואַזע אינטערעסן".]

4. דעריבער וועט דער פראָלעטאַריאַט זיין די אַרמיי, וואָס איז פון דער געשיכטע אַליין באַשטימט געוואָרן צו קעמפן קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און זי צו פאַרניכטן.

[וואָרים —

„זיי (די אַרבעטער) האָבן גאָרניט קיין אייגנס צו פאַרזיכערן און צו באַפעסטיקן; זייער מיסיע איז צו פאַרניכטן אַלע פריערדיקע זיכערקייטן און פאַרזי־כערונגען פון אינדיווידועלן אייגנטום".

און זיי וועלן דאָס זיכער טאָן, וואָרים —

„די פּראָלעטאַריער האָבן גאָרניט צו פאַרלירן אַ חוץ זייערע קייטן. זיי האָבן אָבער אַ וועלט צו געווינען".]

היינט ווי באַלד אַזוי, — ווי באַלד אַט די אַלע הנחות זיינען אַזוי זיכער ווי צוויי מאָל איז פיר, — טאָ לאָמיר איבער־לאָזען די אָפּגעלעבטע, אויסגעדראָשענע, אימפּאָטענטע רייד וועגן „אַבסאָלוטן אמת, שכל און יושר" פאַר סענטימענטאַלע אַלטע ווייבער, אפילו ווען דאָס זיינען „ווייבער" פון מענלאַכן מין און סאָציאַליסטן. לאָמיר פאַרוואַרפן דעם אַלטן סענטי־מענטאַלן קוואַטש פון יענע סאָציאַליסטן, וואָס „ווילן פאַרבעסערן די באַציאונגען פון יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט...", וואָס האָבן די טבע „צו אַפּעלירן צו דער געזעלשאַפט אַלס גאַנצער, אָן אונטערשייד פון קלאַס...", און וואָס זאָרגן זיך פאַר די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס בלויז דערפאַר ווייל ער ליידט מער ווי אַלע אַנדערע קלאַסן („בלויז פון דעם שטאַנד־פּונקט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס ליידט מער ווי אַלע אַנדערע קלאַסן, עקזיסטירט דער פּראָלעטאַריאַט פאַר זיי"). לאָמיר צוריקקוויזן די אַלטע אַבסטראַקציע פון אידעאַל, און לאָמיר באַ־זירן אונזער גאַנצע טאַקטיק אויף ממשות'דיקן אינטערעס — אויף דעם קלאַסן־אינטערעס פון פּראָלעטאַריאַט. לאָמיר אָריענ־טירן אונזער באַוועגונג אויסשליסלאַך אויף דעם פּראָלעטאַריאַט און זיינע אינטערעסן. לאָמיר אויסשמידן פון דעם פּראָלע־טאַריאַט די אַרמיי פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און פירן זי צו קאַמף און נצחון.

אט דאס איז, בקיצור, דער סטראטעגישער פלאן פון סאציאלער רעוואלוציע פון דעם מארקסיזם.

***

די עטלאכע אויסצוגן, וואס זיינען אויבן געבראכט געווארן, זיינען אלע גענומען פון „קאמוניסטישן מאניפעסט", וועלכער איז פארפאסט געווארן פון קארל מארקס און פרידריך ענגעלס מיט 93 יאר צוריק.

(עס איז כדאי צו באמערקן, אז אין „קאמוניסטישן מא־ניפעסט" געפינען זיך אייגנטלאך אלע טעזיסן פון דער מארקסיס־טישער סיסטעם, וועלכע איז שפעטער אויספירלאך באארבעט און באקרעפטיקט געווארן דורך א רייע ווערק).

קארגע הונדערט יאר איז אריבער זינט די מארקסיס־טישע סטראטעגיע פון סאציאלער רעוואלוציע איז אויסגע־ארבעט געווארן. די צייט האט געהאט איבער־גענוג „געלעגנ־הייט" צו באווייזן דעם אמת אדער פאלשקייט פון דער דאזיקער סטראטעגיע — און וואס האט זי, די צייט, באוויזן?

די היסטארישע דערפארונג האט געוויזן, אז די הנחות, אויף וועלכע דער גאנצער פלאן איז באגרינדעט, זיינען גוואל־דיקע איבערטרייבונגען; אז די דאזיקע הנחות זיינען העכסטנס ניט מער ווי היסטארישע טענדענצן, אבער בשום אופן זיינען זיי ניט קיין געזעצן, קיין פעסטער פונדאמענט, אויף וועלכן

עס זאָל זיין מעגלאך אויפצובויען אַ דויערנדיקן סטראַטעגישן בנין.

דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט געוואָרן אַזאַ גוואַלדיקע מער־הייט אין דער געזעלשאַפט, אַז ער זאָל זיין בכוח אַדורכצוזעצן זיין ווילן אָן דער שטיצע פון אַנדערע געזעלשאַפטלאכע שיכטן.

דער מיטל־קלאַס איז ניט פאַרשוואונדן. זיין באַדייטונג אין דער געזעלשאַפט איז, פאַרקערט, געשטיגן.

דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט געוואָרן אַזאַ איינהייטלאַכער קלאַס, ווי דער מאַרקסיזם האָט זיך עס פאָרגעשטעלט. ער איז אַליין צעטיילט אין פאַרשיידענע שיכטן און גרופּירונגען, מיט פאַרשיידענע לעבנס־סטאַנדאַרדס, אָפּהענגיק אָן געאָגראַ־פישע, לאָקאַל־אינדוסטריעלע, אָרגאַניזאַציאָנעלע א. אַ. וו. באַדינגונגען.

די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער־מאַסן זיינען ניט געוואָרן ערגער, נאָר אומפאַרגלייכלאַך בעסער ווי אין דער צייט ווען דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט איז געשריבן געוואָרן.

די באַפרייאונג פון דער פרוי, די באַפרייאונג פון דעם קינד (דורך דער איינפירונג פון אַלגעמיינער פרייער בילדונג און דורך דער אָפּשאַפונג פון קינדער־אַרבעט) און די באַדייטנ־דיקע אויפהויבונג פון דעם וואוילשטאַנד פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס דעם קאַפּיטאַליזם איז געלונגען צו דערגרייכן, האָבן גע־

מאַכט אַ סוף צו דער דערוואַרטונג, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט איגנאָרירן פאַרלירן זיין געפיל פון שותפותדיקייט אין דער געזעלשאַפט, און אַז ער וועט זיין גרייט זי צו פאַרטיליקן. די צאָל פּראָלעטאַריער, וואָס זיינען גרייט צו קעמפן פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז פּראָפּאָרציאָנעל זייער קליין; און די צאָל פּראָלעטאַריער, וואָס זאַמלען זיך אַרום די קאַפּיטאַליס־טישע פעסטונגען, כדי זיי צו פאַרטיידיקן, ווען זיי געפינען זיך אין געפאַר, איז אַזאַ, אַז זי קען, מילד גערעדט, בשום אופן ניט איגנאָרירט ווערן.

די ערשטע פּראָבע דורכצופירן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע איז געמאַכט געוואָרן גראָד אין אַזאַ לאַנד ווי רוסלאַנד, וואו דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך נאָך געפונען ביים אָנהויב פון זיין אַנט־וויקלונג און וואו דער שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט איז געווען נומעריש אומבאַדייטנדיק. די רעוואָלוציע האָט דאָרט דורכ־געפירט ניט דער „פּראָלעטאַריאַט”, נאָר אַ הייפל רעוואָלו־ציאָנערע סאָציאַליסטן.

און נאָך עפּעס קומט פאַר איצט פאַר אונזערע אויגן, וואָס מוז שטעלן אונטער אַ פראַגע־צייכן דעם אַבסאָלוטן אמת פון דער טעאָריע, אַז קלאַסן־אינטערעס איז דער הויפּט־כוח אין דער געזעלשאַפט. דאָס איז די איצטיקע מלחמה. אויב דער קלאַסן־אינטערעס וואָלט געווען די וויכטיקסטע טרייב־קראַפט

אין דער געזעלשאַפט, וואָלטן דאָך די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות זיך איצט ניט געשניטן איינע די אַנדערע די גאָרגלען; זיי וואָלטן ליבערשט זיך פאַראייניקט, כדי מיט געמיינזאַמע כחות סאָוועט־רוסלאַנד צו פאַרניכטן. הייסט עס, אַז ניט נאָר די קאַפּיטאַליסטן פאַרשטייען ניט זייערע קלאַסן־אינטערעסן, נאָר, משמעות, די געשיכטע גופא „פאַרשטייט" עס אויך ניט.

דאַרף מען נאָך האָבן בעסערע באַווייזן, אַז די מאַרקסיס־טישע סטראַטעגיק הינקט אונטער?

ניט אומזיסט קריסטאַליזירן זיך איצט צוויי נייע ריכ־טונגען אין דעם סאָציאַליזם — איין ריכטונג, וואָס גלויבט, אַז אַן אַנטשלאָסענע, איבערצייגטע מינדערהייט דאַרף מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע ביי דער ערשטער מעגלאַכקייט; און די צווייטע ריכטונג, וואָס גלויבט, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג טאָר ניט זיין אָריענטירט אויף דעם אַרבעטער־קלאַס אַליין.

אין דעם אונטער־באַוואוסטזיין פון אַט דיביידע ריכטונגען ליגט אין אמת'ן די איבערצייגונג, אַז די דערוואַרטונג, אַז דער פּראָלעטאַריאַט אַליין וועט מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אילוזיע.

⁂

הונדערט יאָר נאָך דעם, ווי מאַרקס האָט אויסגעאַרבעט

זיין סטראַטעגישן פּלאַן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, געפינט זיך די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון דער וועלט אין דער לאַגע פון יענעם מענשן, וואָס אַ דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט ניט מער ווי זעקס חדשים צו לעבן; וואָס האָט אין משך פון די זעקס חדשים פאַרשווענדט אַלץ וואָס ער האָט פאַר־מאָגט, און — נאָכדעם ווי די זעקס חדשים זיינען פאַריבער און ער האָט נאָך אין זיך געהאַט גענוג לעבן, האָט ער אָבער ניט געהאַט מיט וואָס צו לעבן.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז איצט נאָך מער נויטיק ווי ווען עס איז פריער. אָבער די „פאַרהערלאַכונג פון גוואַלט", ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי דריקט זיך אויס; די דערהויבונג פון „אינטערעס" ביז צו אַ פעטיש; די פאַרשפּאָטונג פון דעם „אידעאַל", ווי עפּעס וואָס פּאַסט גאָר אינגאַנצן ניט פאַר פּאָליטיש־דערוואַקסענע מענשן, — האָט צעגריזשעט דעם פונ־דאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. האָט פאַרפעסטעט די לופט פון אידעאַליזם, אָן וועלכער אַ סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג קען ניט לעבן.

אויב די ערשטע סאָציאַלע רעוואָלוציע אין דער וועלט (אין רוסלאַנד) איז כמעט אינגאַנצן אַ קאָפּיע פון דעם מוסטער פון „סדום", וואו יעדערער וואָס פּאַסט זיך ניט אַריין אין דעם סדום־בעטל פאַרלירט זיין קאָפּ; אויב די סאָציאַלע אָרדענונג

אין דער סאָציאַליסטישער רוסלאַנד איז געוואָרן אַ מוסטער פון ברוטאַליזאַציע און ציניזם, און די פינסטערסטע כוחות פון דער וועלט קאָפּירן אירע מעטאָדן; אויב דער סאָציאַליזם ליגט איצט אַ באַשפּיגענער, אַ באַשמוצטער, אַ פאַרשעמטער, — איז דען אין דעם ניט שולדיק קודם כל טאַקע דאָס, וואָס דער מאָראַלער אידעאַל פון סאָציאַליזם, וואָס איז זיין פונדאַמענט, זיין נשמה, איז פון דעם מאַרקסיזם אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן?

דער גוטהאַרציקער קאַרל קאַוטסקי האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ היפּשן ביכל וועגן „עטיק און די מאַטעריאַליסטישע אויפ־פאַסונג פון געשיכטע", וואו ער האָט זיך געמאַטערט צו באַווייזן, אַז די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג איז ניט קיין שטערונג פאַר דעם אידעאַל. זיין הויפּט־אויספיר איז געווען, אַז . . .

„דער מאָראַלער אידעאַל איז מער ניטאָ... דערמיט ווערט, אָבער, דער מאָראַלער אידעאַל ניט באַרויבט פון זיין איינפלוס; דער דאָזיקער איינפלוס ווערט בלויז רעדוצירט צו זיין געהעריקער דימענסיע (גרויס). פּונקט ווי דער סאָציאַלער און מאָראַלער אינסטינקט, איז דער מאָראַלער אידעאַל ניט קיין ציל, נאָר אַ כוח און אַ געווער אין דעם סאָציאַלן קאַמף פאַר לעבן"...

דאָס לעבן האָט אָבער באַוויזן עפּעס אַנדערש. דאָס לעבן

האָט באַוויזן, אַז דאָרט וואו דער מאָראַלער אידעאַל איז ניט דער ציל אינם סאָציאַלן קאַמף פאַרן לעבן, איז ער אפילו קיין כוח און קיין געווער אויך ניט.

היינט־צו־טאָג, הונדערט יאָר נאָכדעם ווי דער מאַטעריאַליזם האָט פּאַרוואָיעוועט, פאַרכאַפּט און געפאַנגען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, איז די באַוועגונג געצוואונגען צוריק־צוקערן זיך צום מאָראַלישן אידעאַל, צום עטישן סאָציאַליזם, אויב זי וויל ניט אינגאַנצן אונטערגיין אין שאַנד.

דער מענש איז דער יסוד פון סאָציאַליזם

דער פונדאַמענט פון עטישן סאָציאַליזם — אייגנטלאַד פון סאָציאַליזם בכלל — איז . . . דער מענש.

ניט דער אַרבעטער, ניט דער ערד־אַרבעטער, ניט דער אָרימאַן אפילו — נאָר בפירוש דער מענש.

אַרבעטער, ערד־אַרבעטער, אָרימאַן, — דאָס אַלץ איז „ערזאַץ״, וואָס איז דערפונדן געוואָרן צוליב באַשטימטע אָפּאָרטוניסטישע צילן. אין פאַרלויף פון אַ געשיכטלאַכער „ווילע״ האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דורך די דאָזיקע דערפינ־דונגען וועט געלינגען דעם סאָציאַליסטישן „קץ״ צו דער־נענטערן. אַרויסגעשטעלט, אָבער, האָט זיך, אַז דער „ערזאַץ״ קען ניט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דעם עכטן „אַרטיקל״; אַז ער איז ניט שטאַרק גענוג צו זיין דער פונדאַמענט, וואָס זאָל קענען טראָגן אויף זיך אַ לייטישן סאָציאַליסטישן בנין.

אַזוי שנעל ווי דער סאָציאַליסטישער בנין, געבויט פון דעם „ערזאַץ", האָט זיך אָנגעהויבן „זעצן", האָט דער סופיט זיך גענומען קרישלען, די ווענט האָבן זיך גענומען שפּאַלטן, און עס איז פאַראַן אַ סכנה, אַז דער בנין וועט אינגאַנצן איינפאַלן, אויב מ'וועט אים ניט אונטערשפּאַרן מיט אַן אמת־קרעפטיקן פונדאַמענט.

און אַזאַ פונדאַמענט קען ניט זיין קיין אַנדערער, ווי . . .

דער מענש; דער גלויבן אין דער עצמידיקער גוטסקייט פון דעם מענטשן.

ניט דער גלויבן, אַז דער מענש איז כולו טוב; אַז אין אים זיצט בלויז אַ יצר טוב אָבער ניט קיין יצר הרע, אַז ער איז אַ הייליגער, אַ מלאך; נאָר דער גלויבן, אַז דאָס גוטע אין דעם מענטשן וועגט אַריבער דאָס שלעכטע.

דער גלויבן, אַז דער מענש איז בטבע אַ פּראָמעטעאוס, וואָס רייסט זיך צו ליכט, נאָר די קייטן, אין וועלכע ער איז געשמידט — די קייטן פון שלעכטע געוואוינהייטן, פון פאַלשע איינגלויבונגען — דערלאָזן אים ניט גיין צו דער ליכט.

דער גלויבן, אַז דער מענש וועט נאַטירלאַכערווייז זיך ציען צו דער זון, צו גוטסקייט און ברידערלאַכקייט, אַזוי גיך ווי עס וועלן נאָר צעריסן ווערן די קייטן פון געוואוינהייט, אָבערגלויבן און שטערנדיקע אומשטענדן.

אומשטענדן? — יאָ, אומשטענדן אויך! אומגינסטיקע אומשטענדן זיינען אָן ספק פּענטעס אויף די פיס פון דעם פּראָמעטעאוס־מענש, און זיי דאַרפן אָפּגעראַמט ווערן פון וועג.

עס איז אָבער לחלוטין פאַלש אָנצונעמען, אַז דער מענש איז נישט מער ווי אַ רויער, טויטער פּראָדוקט פון אומשטענדן; אַ מין כעמישער „קאָמפּאַונד", געשאַפן פון אומשטענדן אַליין. דער מענש אַליין איז אויך „עפּעס"; דער מענש האָט סיי אַן אייגענעם אינהאַלט, און סיי אַן אייגענעם ווילן.

און וויל נאָר דער מענש אויף אַן אמת — מיט אַלע זיינעליידנשאַפטן, מיט דעם גאַנצן פייער פון זיין געטלאַכער נשמה, — דעמאָלט איז ער בכוח אַלע שטערונגען אויף זיין וועג צו צעברעכן און דערגרייכן וואָס ער וויל. קיין זאַך קען זיך נישט שטעלן אַנטקעגן דעם מענשלאַכן ווילן.

דער מענש און זיין ווילן — דאָס איז דער פונדאַמענט פון דעם עטישן סאָציאַליזם!

***

אָט אויף דעם פונדאַמענט דאַרף מען קיין נייעם סאָציאַליס־טישן בנין נישט אויפשטעלן — דער אַלטער בנין קען גרינג צורעכט געמאַכט ווערן, אַז ער זאָל זיין סיי פעסט און סיי שיין — שיין נאָך מערער ווי פעסט, וואָרים ווען עס קומט צו סאָציאַליזם, האָט פעסטקייט אָן שיינקייט אַ קנאַפּע ממשות.

און פארריכטן קען מען דעם סאציאליסטישן בנין טאקע נאר און בלויז מיט יענע געציַיג, וואס דער מארקסיזם האט מיט אזא לייכטזיניגקייט ארויסגעווארפן דורכן פענסטער — מיטן „אבסאלוטן אמת, שכל און יושר".

דער אמת איז, אז...

עס איז אונטער דער ווערדע פון דעם מענטשן, — דער „בחיר היצורים", דער ליכט־זוכער און ליכט־ברענגער, — צו לעבן צווישן זיך אין עקספּלואטאציע, אין עקאנאמישער שקלאפעריי. ווארים עקאנאמישע עקספּלואטאציע איז, אין גרונט גענומען, א דערנידעריקונג ניט נאר פאר דעם פאר־שקלאפטן, נאר אויך פאר דעם פארשקלאפער גופא.

דער שכל איז מחייב, אז...

מענטשן קענען לעבן אין א סך א גרעסערער שפע, און אודאי פיל גליקלאכער, ווען זיי זאלן אויפהערן פירן דעם זינ־לאזן קאמף צווישן זיך; ווען, אנשטאט עקספּלואטירן איינס דאס אנדערע, זאלן זיי מיט געמיינזאמע כוחות אויסנוצן די אומבאגרעניצטע אוצרות פון דער נאטור פאר דער טובה פון אלעמען, פון יעדן איינציקן מיטגליד אין דער געזעלשאפט.

און דער יושר דיקטירט, אז . . .

אפילו אויב אלע מענטשן זיינען ניט „געבוירן גלייך", אפילו ווען ס'זיינען פאראן מער פעאיקע און ווייניקער פעאיקע,

איז דערפון נאָך ניט געדרונגען, אַז די וויניקער פעאיקע דאַרפן ליידן הונגער און דערנידעריקונג, אָדער אַז די מער פעאיקע דאַרפן עסן מער, זיך קליידן בעסער א. אַז. וו.; און אודאי גיט דאָס ניט קיין רעכט די מער פעאיקע צו פאַר־שקלאַפן די וויניקער פעאיקע.

⁂

אין אַט אַזאַ בנין, פאַרריכט און רענאָווירט מיט די בעסטע געצייג, וואָס דעם מענשלאכן געניוס האָט זיך ביז איצט איינגעגעבן צו דערפינדן און פאַרפולקומען — אמת, שכל און יושר — וועלן זיך גאַר גיך נעמען זאַמלען די בעסטע, די אידלסטע מענשן־קינדער.

און אַט די בעסטע און אידלסטע וועלן מיט דער גרעס־טער ענערגיע זיך נעמען פאַר דער מלאכת־הקודש — צו פאַרוואַנדלען דעם דאָזיקן בנין אין אַ טעמפּל, אין אַ בית־המקדש. פון דעם סאָציאַליסטישן טראָן וועלן זיי אַרונטערשליידערן דעם אָפּגאָט „אינטערעס" — וואָרים וואָס איז דען אינטערעס, אויב ניט אַן אַנדער נאָמען, אַ סינאָנים פאַר עגאָאיזם; און וואָס איז קלאַסן־אינטערעס, אויב ניט גרופּן־עגאָאיזם ? ! — און אויף זיין אָרט וועלן זיי קרוינען דעם איינציקן אמת'ן גאָט, — וואָס עס איז ניט אומווירדיק פאַר מענשן צו קניען פאַר אים — דעם אידעאַל !

און פון טעמפּל וועלן זיי נעמען פאַרטרייבן די פאַלשע נביאים, וואָס די מאַטעריאַליסטישע „פאַרהערלאַכונג פון גע־וואַלט" האָט געהאָלפן אַנפּלאָדיען — יענע פאַלשע נביאים, וועלכע אָפּערירן מיט ליגן, חניפה, מסירה, ברוטאַליטעט און מאָרד, וועלכע האָבן געבראַכט שאַנד אויף דעם סאָציאַליזם.

אין אָט אַזאַ סאָציאַליסטישן בנין וועט ניט זיין קיין אָרט פאַר מענשן, וואָס אין זייער פּריוואַטן לעבן זיינען זיי ליגנער, שווינדלער, און וואָס אין דער קאָרט. ווי קען גאָר אַ באַ־וועגונג, וואָס איז באַגרינדעט אויף אידעאַל, דולדן אין איר מיט מענשן, וואָס זייער גאַנצע באַנעמונג און אויפפירונג איז דער היפוך פון אידעאַליזם, פון מענשלאַכקייט? ווי קען מען גאָר דערוואַרטן, אַז מענטשן, וואָס זיינען אַ מוסטער פון האַרטקייט און עגאָאיזם, זאָלן זיין באמת פאַראינטערעסירט אין אויפבויען אַ בעסערע וועלט, אָדער זאָלן קענען זיין אַ העלפנדיקער כוח ביים אויסבויען אַזאַ וועלט?

אין אַזאַ באַוועגונג וועט ניט זיין קיין פּלאַץ, למשל, פאַר אַזאַ מין חבר, ווי עס איז געווען „וויקטאָר", וואָס לעבין גופא האָט אים גע'כשר'ט.

געשען איז דאָס העכער דרייסיק יאָר צוריק. דער חבר וויקטאָר איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר אַ פּאַרטיי־געריכט, אַז ער האָט התונה געהאַט מיט אַ רייכער אלמנה, האָט אויסגע־

זויגן פון איר יעדן גראָשן, און נאָכדעם האָט ער איר פאַר־לאָזן; און נאָך אַזעלכע מעשים־טובים האָט דער חבר וויקטאָר געהאַט אויף זיין קאָנטאָ. קאַמעניעוו האָט גע'טענה'ט, אַז פאַר אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פּאַסט ניט צו האָבן אַזאַ איינעם פאַר אירן אַ מיטגליד. לעגין, אָבער, האָט געזאָגט, אַז אַזוי לאַנג ווי איינער פאָלגט אויס די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי, איז קיינעמס עסק ניט וואָס ער טוט אויסער דער פּאַרטיי; אַז, פאַרקערט, אַזאַ אייגער קען נאָך אַמאָל מער צונוץ קומען איידער אַ פיינער מענש. „אין אַ גוטער באַלע־באַטישקייט, — האָט לעגין געזאָגט, — קומט צונוץ אַ שמאַטע אויך".

דערפון איז צו זען, ווי אַזוי לעגין גופא האָט פאַרזייט די קערנער, פון וועלכע עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער סטאַליניזם, מיט זיין שוידערלאָכער ברוטאַליטעט און זיין גאָך ערגערן ציניזם.

אין אַ באַוועגונג, וואָס איר גאַנצער אָטעם איז אַ אידעאַליסטישער, וועט ניט זיין קיין פלאַץ פאַר אַזאַ איינעם ווי עס איז געווען דער חבר וויקטאָר און ענלאַכע צו אים. פאַר אַזעלכע „שמאַטעס" איז ניטאָ קיין פלאַץ אין אַ זויבערער סאָ־ציאַליסטישער באַלעבאַטישקייט; וואָרים מער ווי אומצוכט און עיפּוש קענען אַזעלכע שמאַטעס ניט פאַרשפּרייטן.

אין אַזאַ סאָציאַליסטישן בנין וועט אויך ניט זיין קיין פּלאַץ פּאַר ליגן.

ליגן! — ווי נאַאיוו עס קלינגט אין דער איצטיקער צייט צו ריידן וועגן פאַרטרייבן דעם ליגן פון דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג; אין דער איצטיקער צייט, ווען ליגן זאָגן איז געוואָרן אַן אינסטרומענט פון טאָג־טעגלאַכער טאַק־טיק פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג!

אָבער ניט אַלע מאָל איז עס אַזוי געווען. געווען אַנדערע צייטן אויך. געווען צייטן, ווען זאָגן אַ ליגן, אָדער ניט האַלטן וואָרט, איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אונטער דער ווירדע פון אַ סאָציאַליסט, פון אַ רעוואָלוציאָנער; אַלס אומעטיש, אַלס אַ ברוך פון „רעוואָלוציאָנערער מאָראַל".

אויפן געדאַנק קומט ארויף די לעגענדע, וואָס פלעגט צירקולירן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד פון אַמאָל. —

אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז זיין מוטער האַלט ביים שטאַרבן. ער האָט איר געוואָלט זען איידער זי שטאַרבט. די נאַטשאַלסטוואָ פון טורמע האָט אים דאָס ניט דערלויבט. האָט ער זיך געווענדט צו אַ געוויינ־לאַכן טורמע־וועכטער, ער זאָל אויף אייגענער אחריות אים לאָזן גיין זען די מוטער, געבנדיק דערביי זיין וואָרט, אַז ער

וועט צוריקקומען, איידער נאַטשאַלסטוואָ וועט זיך דערוויסן דערפון. עס זיינען אַנטשטאַנען שטערונגען און דער רעוואָלוציאָנער האָט ניט געקענט צוריקקומען אין צייט. דער טורמע־וועכטער איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט שוין זיך אַליין געשאָלטן פאַר נעמען דאָס וואָרט פון אַן אַרעסטאַנט; אָבער אין דער סאַמע לעצטער מינוט האָט דער רעוואָלוציאָנער, ווי דורך אַ נס, פאָרט זיך באַוויזן און געראַטעוועט דעם אומשולדיקן וועכטער.

ער האָט געמוזט קומען, ווייל... די רעוואָלוציאָנערע לעגענדע האָט ניט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אַ רעוואָלוציאָנער זאָל זיין פעאיק ניט צו האַלטן וואָרט...

אָט די מעשה איז אַ רעוואָלוציאָנערע ווערסיע פון דער אַלטער גריכישער לעגענדע וועגן דאַמאָן און פיטיאַס — וועגן דער הייליקייט פון אַ מענשנס אַ וואָרט, אַ צוזאָג.

פאַרגלייכט מען דאָס מיט דעם הערשנדיקן ציניזם פון אונזער צייט בנוגע האַלטן וואָרט, בנוגע זאָגן דעם אמת אונטער אַלע אומשטענדן, מוז מען רויט ווערן פון שאַנדע פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אונזער צייט.

אין אַ באַוועגונג, וואָס איז געבויט אויף דעם מענשן, וועט זיך ניט קענען אַנטוויקלען אַזאַ גרינגשעצונג צו דער חשיבות פון דער מענשלאַכער פערזענלאַכקייט און צו מענשלאַכע לעבנס

בכלל, — לויט דעם באַקאַנטן מוסטער, וואָס דאָס באָלשע־וויסטישע רוסלאַנד האָט אונז געגעבן, אַ מוסטער, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דעם געוויסן פון דער גאַנצער וועלט.

אַזאַ באַוועגונג, ווען זי וועט קומען צו דער מאַכט, וועט ניט צונעמען ביי מענשן זייער לעבן צוזאַמען מיט זייער פאַרמעגן.

אַזאַ באַוועגונג וועט ניט באַשטראָפן קינדער פאַר די זינד פון זייערע קאַפּיטאַליסטישע עלטערן.

אַזאַ באַוועגונג וועט בשום אופן ניט קענען פּועל'ן ביי זיך אומצוברענגען מענשן, אויף ווענען עס איז בלויז פאַראַן אַ חשד, אַז זיי זיינען, אָדער זיי קענען ווערן, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן.

אַזאַ באַוועגונג וועט ניט פּועל'ן ביי זיך מקריב צו זיין אַ גאַנצן דור מענשן פון פלייש און בלוט צוליב אַן אילוזאָרישער צוקונפט.

אַזאַ באַוועגונג וועט אפילו ניט קענען פּועל'ן ביי זיך צו צווינגען מענשן לעבן סאָציאַליסטיש, אויב יענע ווילן דאָס ניט.

***

עס קען זיך אויסדוכטן, אַז די באַנייאונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַ גייסט פון מענשלאַכקייט, מיינט...

אַפּלייגן די פאַרווירקלאַכונג פון דעם סאָציאַליזם מי יודע אויף ווען; אַז דאָס מיינט, אפשר אינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פון סאָציאַליזם.

דאָס איז אָבער אַ טעות. און דער טעות נעמט זיך הויפּט־זעכלאַך דערפון, וואָס עס פעלט די מאַטעריאַליסטן דער עלע־מענטאַרער גלויבן אין דער עצמ׳דיקער גוטסקייט פון דעם מענשן; וואָס עס פעלט זיי דער צוטרוי צום מענשלאַכן שכל און צו זיין יושר־געפיל.

דאָס וואָס גערשוני, למשל, האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון דערמאָרדן דעם גרויספירשט סערגיי׳ס ווייב, צוזאַמען מיט סערגיי׳ען, דעם שולדיקן טיראַן, — דאָס האָט גערשוני׳ן ניט געמאַכט פאַר אויס רעוואָלוציאָנער. אפילו אויס טעראָ־ריסט איז ער דורכדעם ניט געוואָרן; ער האָט דעם אורטייל אויף סערגיי׳ען שפּעטער סיי־ווי אויסגעפירט. אָבער ווער איז בכוח אָפּצושאַצן דעם רעספּעקט, וואָס אַט די מענשלאַכע האַנדלונג האָט פאַרשאַפט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, סיי אין די אויגן פון די אייגענע אַנהענגער און סיי אין די אויגן פון דער געזעלשאַפט אין אַלגעמיין ? !

אָפּגעזען פון דער פראַגע, וועלכער מעטאָד פון סאָציאַ־ליסטישן קאַמף איז בעסער צוגעפּאַסט צו ברענגען מער וואויל־זיין און מער גליק די ברייטע פאָלקס־מאַסן, דער סאָציאַל־

רעוואלוציאנערער אדער דער רעפארמיסטישער — די מיטלען, וואס ווערן באנוצט צו דערגרייכן די הייס־געוואונשטע צילן, מוזן, אין אלע פאלן און אונטער אלע אומשטענדן, זיין זויבערע, מאראלישע. קודם כל, טאקע צוליב ריין־עטישע מאטיוון, — ווייל עס פאסט ניט תאר סאציאליסטן, וואס טרוימען וועגן א בעסערער וועלט און קעמפן פאר איר, זיך צו באנוצן מיט געמיינע, שמוציקע מיטלען; אבער אויך צוליב פראקטישע מאטיוון, — ווייל עס איז ניט מעגלאך פאר מענשן צו באנוצן זיך מיט געמיינע מיטלען און אליין בלייבן אומבאפלעקט, בלייבן אידעאליסטן; ווייל עס איז ניט מעגלאך אין נאמען פון אן אידעאל צו געברויכן אוממענשלאכע מיטלען, און ניט פאראומווירדיקן דערמיט דעם אידעאל גופא, ניט אפשטויסן און פארטרייבן פון דעם אידעאל די בעסטע, די איידלסטע מענשן.

אויב מ׳האט געדארפט אן עמפירישן באוויז, אז דאס איז אמת, האט דער באלשעוויזם דעם דאזיקן באוויז אונז צוגעשטעלט אין א פולער מאס. ניט געווען נאך אזא סאציאליסטישע ריכטונג ווי דער באלשעוויזם, וואס זאל זיין גרייט זיך אוועקצולאזן אויף דעם אפארטוניסטישן וועג פון באנוצן אלע, אלע מיטלען אין דעם קאמף פאר דער פארווירקלאכונג פון סאציאליזם, — און וואס איז דער רעזולטאט פון דעם?

עס איז פראָסט־פּשוט אוממעגלאַך געווען זיך פאָרצו־שטעלן, אַז אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג וועט ווען־עס־איז קענען אַזוי דורכגעפרעסן ווערן פון אַזאַ גרויסער צאָל געוויסנלאָזע קאַריעריסטן, ווי די קאָמוניסטישע באַוועגונג פון אונזער צייט; אַז זי וועט קענען ווען־עס־איז ווערן אַזאַ זומפּ, וואו עס ווערן פּאַקטיש צוגעגרייט אַזוי פיל רעקרוטן פאַר די רעאַקציאָנערסטע באַוועגונגען, ווי די קאָמוניסטישע באַוועגונג; אַז אַ סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג זאָל קענען ברענגען אַזוי פיל שמאַך און שאַנד אויף דעם סאָציאַליזם, ווי דער באָלשעוויסטישער קאָמו־ניזם האָט עס באַוויזן צו טאָן.

אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג, באַגרינדעט אויף אידעאַליזם, קען אויך ליידן מפּלות און אַנטוישונגען, אָבער צו אַזעלכע דער־נידעריקנדיקע רעזולטאַטן קען זי דעם סאָציאַליזם בשום אופן ניט דערפירן.

אַ סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע

אַ שיינער סאָציאַליסטישער בנין, אויפגעבויט אויף אַ געזונטן פונדאַמענט, נויטיקט זיך אויך אין אַ שיינעם פאַסאַד, אין אַ שיינעם „פראָנט”, צוזאַמען מיט אַ שיינעם „אריינגאַנג”. נאָך דעם אויסערלאַכן אויסזען דערקענט מען געוויינלאַך אַ געביידע — צי זי איז אַ פּלאַץ פאַר לערנען תורה און חכמה, אַ קונסט־מוזיי, אַן אָפּערע־הויז, אָדער . . . אַ שלאַכט־הויז, אַ געפענגעניש, אַ קאַזאַרמע.

אַזוי ווי דער מאַרקסיזם האָט זיך הויפּטזעכלאַך גערעכנט מיט „סטראַטעגישע” אויסרעכענונגען, — זעט אויך אויסער־לאַך זיין בנין אויס ניט ווי אַן אָרט, פון וואַנען עס גייט ארויס אַ תורה, אַ לערע פון מענשלאַכקייט, נאָר ווי . . . אַ קאַזאַרמע. די לאָזונגען און שלאָג־ווערטער, וואָס זיינען אויסגעקריצט אויף דעם פאַסאַד פון דער סאָציאַליסטישער געביידע, זיינען דורכאויס מיליטערישע. —

„אַרבעטער, דערקען דיין מאַכט!”, „ווען דער אַרבעטער

וויל, בלייבן אַלע רעדער שטיל", „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענ־דער, פאַראייניקט זיך!" . . . כדי ארויסצוגיין אין אַ מלחמה קעגן די רייכע, קעגן די אונטערדריקער.

און גרייט מען זיך צו מלחמה, מוז מען די צוקינפטיקע סאָלדאַטן אויך פּסיכאָלאָגיש צוגרייטן פאַר זייער ראָליע. מ'מוז זיי איינריידן, אַז זיי זיינען דאָס זאַלץ פון דער ערד, דאָס אויבער־שטע פון שטויסל, אַז אויף זיי שטייט די וועלט; און מ'מוז כסדר שטעלן דעם טראָפּ אויף פיזישער קראַפט, אויף שטאַרקע מוסקולן, אויף גבורה.

אויב אין דער סימפאָניע פון מאַרקסיסטישע לאָזונגען און שלאַג־ווערטער הערט זיך דער מיליטערישער טרומפייטער הע־כער פון אַלע אַנדערע אינסטרומענטן און ער שרייט זיי אַריבער, דאַרף מען זיך ניט וואונדערן אויף דעם. דער ציל איז דאָ אַ קלאָרער; דער ציל איז . . . איינצו'שיכור'ן די פּראָלעטאַרישע רעקרוטן, אַז זיי זאָלן זיך שפּעטער, אויף די באַריקאַדן, בעסער קענען שלאָגן.

דער ציל, צוליב וועלכן די מלחמה איז פאַרטראַכט גע־וואָרן, וועלכער איז אין אָנהויב פאַרדוקט געוואָרן אין הינטער־גרונט, ווערט מיט דער צייט אינגאַנצן פאַרשוויגן, פאַרגעסן. די מלחמה ווערט אַ ציל פאַר זיך אַליין.

און וואָס פאַר אַן אויסזען עס האָט דער „שלום", וואָס

קומט נאָך דעם נצחון אין אַ מלחמה, וואָס רעכנט זיך בלויז אָדער הויפּטזעכלאַך מיט סטראַטעגישע באַטראַכטונגען, — דאָס האָט סאָוועט־רוסלאַנד געוויזן.

און אויב די גרינגע, ווערימדיקע פּרוכט פון צענטראַליזם, דיקטאַטור, טאָטאַליטאַרער שטאַט, מיליטערישע ריקזיכטסלאָזיגקייט, האָט ביי דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דער וועלט איילִיק געמאַכט די ציין און איר פּאַרשאַפט אָזעלכע בויך־ווייטאָגן, — איז איידער מ׳פאַרשרייבט אַ רעצעפּט פאַר די דאָזיקע צרות, מוז פריער „געשטעלט" ווערן דער פאָלגנדיקער דיאַגנאָז:

אָט די פּירות זיינען ארויסגעוואַקסן פון דער זריעה, וואָס דער מאַרקסיזם האָט פּאַרזייט — פון דער „פּאַרהערלאַכונג פון גוואַלט".

און בויט מען איבער דעם סאָציאַליסטישן בנין אויף דעם מענטשן אַלס יסוד און לויט דעם אַלט־נייעם סאָציאַליסטישן פּלאַן פון „אמת, שכל און יושר", — דעמאָלט מוז אויך דער פּאַסאַד פון דעם סאָציאַליזם האָבן אַן אַנדער „פּנים", ווי דער מאַרקסיזם האָט אים געגעבן.

די מיליטערישע לאָזונגען דאַרפן פּאַרביטן ווערן אויף עטיש־מענטשלאַכע; אויף לאָזונגען, וואָס ווענדן זיך ניט צו דעם קנאה־שנאה געפיל אין מענטשן, נאָר צו זיין יושר־געפיל;

לאָזונגען, וואָס זיינען באַגרינדעט אויף דער הנחה, אַז איין מענטש דעם אַנדערן איז ניט קיין וואָלף, נאָר אַ חבר, אַ פריינט, אַ ברודער — ווי, למשל:

— אַלע מענטשן, צי זיי זיינען געבוירן גלייך אָדער ניט, זיינען גלייכע שותפים אין דער געזעלשאַפט.

— אומגלייכהייט איז אַ באַליידיקונג פאַר דעם מענטשן, פאַר זיין חשיבות.

— הונגער אינמיטן פון שפע איז דער גרעסטער אומזין.

— אָרימקייט איז אַ שאַנד — אָבער ניט פאַר דעם אָרימאַן, נאָר פאַר דער געזעלשאַפט.

— גלייכהייט, ברידערלאַכקייט, פרייהייט!

און אַזוי ווייטער און ווייטער — אַלץ לאָזונגען, וואָס שטימען פולשטענדיק מיט די פאָדערונגען פון אמת, שכל און יושר.

***

און זוכט מען אַ טעאָרעטישן פונדאַמענט פאַר דעם אַלט־נייעם סאָציאַליזם פון „אמת, שכל און יושר", — דעמאָלט מוז מען צוריקווייזן דעם מאַרקסיזם. אַ סטראַטעגישער פלאַן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַ מין רעוואָלוציאָנערער „שליפען־פלאַן", — ווי געניאַל ער זאָל ניט זיין, — קען ניט אויספילן די פונקציע פון אַ סאָציאַליסטישער „ביבל".

אַזאַ טעאָרעטישן פונדאַמענט האָט מיט צענדליקע יאָרן צוריק אויפגעשטעלט דער באַרימטער אַנאַרכיסטישער דענקער פּעטער קראָפּאָטקין אין זיינע ווערק „קעגנזייטיקע הילף“ און „עטיק“.

דער קלאַפּ איבערן קאָפּ, וואָס דער שוידערלאכער רוסישער מוסטער פון מאַרקסיסטישער „פאַרהערלאכונג פון גוואַלט“ האָט געגעבן דער סאָציאַליסטישער וועלט, — מוז עפענען אירע אויגן, אויערן און האַרץ צו די רייד פון פּעטער קראָפּאָטקין; מוז איר צווינגען צו אָנערקענען, אַז קראָפּאָטקינס טעאָרעטישער בנין דאַרף באטראכט ווערן אַלס די תורה, די ביבל, ניט בלויז פון דעם אַנאַרכיסטישן טייל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, נאָר פון אַלע אירע טיילן.

לאָמיר דאָ ברענגען עטלאכע אויסצוגן פון קראָפּאָטקינס ווערק: —

„... מיר האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעהערט די לעצטע צייט וועגן דעם „גרויזאַמען, אומדערבאַרמלאַכן קאַמף פאַרן לעבן“, וואָס יעדע חיה פירט כלומרשט אַנטקעגן יעדער אַנדער חיה, יעדער ווילדער אַנטקעגן אַלע אַנדערע ווילדע און יעדער ציוויליזירטער מענש אַנטקעגן זיינע אַלע מיטבירגער — אַזעלכע באַהויפּטונגען זיינען געוואָרן אַ מין דאָגמע, אַ רעליגיע אין דער געבילדעטער געזעלשאַפט — אַז.. עס איז געוואָרן

גויטיק... צו באַווייזן די וויכטיקערע ראָלע, וואָס די סאָציאַלע געוואוינהייטן שפּילן אין דעם לעבן פון דער נאַטור און אין דער פּראָגרעסיווער עוואָלוציע ביי די מינים פון חיות, ווי ביי די מענשלאַכע וועזנס"...

(די סאָציאַלע געוואוינהייטן) „גיבן די לעבעדיקע ברואים אַ בעסערן שוץ אַנטקעגן זייערע פיינט — — — זיי מאַכן זיי גרינגער צו באַקומען שפּייז — זיי פאַרלענגערן זייער לעבן און פאַרלייכטערן ממילא די אַנטוויקלונג פון די גייסטיקע פעאיקייטן — — — זיי האָבן געגעבן די מענשן אַ חוץ דעם אַלעמען די מעגלאַכקייט אויסצואַרבעטן די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געהאָלפן דעם מענשן איבערלעבן דעם שווערן קאַמף מיט דער נאַטור און זיך פאַרפולקאָמען טראָץ אַלע געשיכטלאַכע שטערונגען"...

„... דער קאַמף פאַרן לעבן אינצווישן דעם מין איז פיל איבערטריבן געוואָרן — — — די קעגנזייטיקע הילף איז ווייניקסטנס אַזוי פיל אַ פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ אין דער נאַטור, ווי דער קעגנזייטיקער קאַמף — — — פאַר דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג איז די קעגנזייטיקע הילף גאָר קיין ספק ניט דער העכסטער, וויכטיקסטער פּרינציפּ פון דיביידע".

אמת, „עס זיינען פאַראַן אַ סך פאַקטאָרן אין דער עוואָלוציע פון בעלי־חיים און פונם מענשן, און יעדער פאַקטאָר

האָט זיין באַזונדערן ווערט; איינער פון די הויפּט־פאַקטאָרן אָבער איז די קעגנזייטיקע הילף".

„...עס איז ניט דער געפיל פון ליבע צו מיין נאָכבאַר, וועלכן איך קען אָפט גאָרניט, וואָס באַוועגט מיך צו כאַפּן אַן עמער וואַסער און לויפן לעשן דאָס הויז, וואָס שטייט אין פלאַמען, בעת מיין אייגן הויז שטייט ניט אין קיין סכנה פון פייער. מיך באַוועגט אַ סך אַ ברייטערער, הגם ניט אַזאַ קלאָרער געפיל, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אַן אינסטינקט פון מענשלאַכער סאָלידאַריטעט אין געזעלשאַפטלאַכן צוזאַמענלעבן"...

„...די מענשלאַכע געזעלשאַפט... איז געבויט אויפן באַוואוסטזיין — זאָל עס זיין אפילו ניט מער ווי אינסטינקטיוו — פון סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט פון מענשן. די מענשלאכע געזעלשאפט איז באַגרינדעט אויף דער אומבאַוואוסטזיניקער אָדער האַלב־באַוואוסטזיניקער אַנערקענונג פון דער קראַפט, וואָס יעדער מענש שעפּט פון דער קעגנזייטיקער הילף; אויף דעם איינזען, אַז יעדן איינעמס גליק הענגט אָפּ פון אַלעמענס גליק; און אויף דעם געפיל פון גערעכטיגקייט אָדער יושר, וואָס איז גורם דעם יחיד צו באַטראַכטן, אַז יעדער אַנדערער האָט די זעלבע רעכט ווי ער אַליין"...

„. . . מיר באַזיצן אַן איינגעבוירענעם געפיל, וואָס פירט אונז צו אידענטיפיצירן זיך מיט אַנדערע״ . . .

„אין דער אַנווענדונג פון קעגנזייטיקער הילף... געפינען מיר... דעם פּאָזיטיוון און אומצווייפלהאַפטן אורשפּרונג פון אונזערע עטישע באַגריפן... אין דעם עטישן פּראָגרעס פון מענטשן האָט די הויפּט־ראָלע געשפּילט די קעגנזייטיקע שטיצע, ניט דער קעגנזייטיקער קאַמף״ — — — „מיידט אויס שטרייטיקייטן! עס איז אַלעמאָל שעדלאַך פאַרן מין, און איר האָט געגנוג מיטלען דאָס אויסצומיידן!״ — אָט דאָס איז די טענדענץ פון דער נאַטור. זי ווערט ניט אַלעמאָל פאַרווירקלאַכט, אָבער זי איז אַלעמאָל פאַראַן. דאָס איז די לאָזונג, וואָס קומט צו אונז פון די שטרויכן, די וועלדער, די טייכן, די ימים. „פאַראייניקט זיך דעריבער — פּראַקטיצירט קעגנזייטיקע הילף! דאָס איז דער בעסטער מיטל צו פאַרזאָרגן זיך מיט דער גרעסטער זיכערקייט פאַר יעדן באַזונדער און פאַר אַלע צוזאַמען. זי איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער עקזיסטענץ און פאַרן פיזישן, גייסטיקן און מאָראַלן פּראָגרעס״. אָט דאָס איז וואָס די נאַטור לערנט אונז; און צו אָט דער שטימע פון דער נאַטור האָבן זיך צוגעהערט אַלע יענע בעלי־חיים, וועלכע האָבן דערגרייכט די העכסטע שטופן אין זייערע קלאַסן. אָט דעם געבאָט פון דער נאַטור האָט אויך געפאָלגט דער מענטש —

און נאָר צוליב דעם האָט ער דערגרייכט די שטופע, וועלכע ער פאַרנעמט איצטער"...

„דער אינסטינקט פון סאָציאַלער זעלבסט־דערהאַלטונג האָט אַ גרעסערע קראַפט, פּערמאַנענץ און איבערוואָג . . . איבער דעם אינסטינקט פון פּערזענלאכער זעלבסט־דערהאַלטונג".

„דער ערשטער קוואַל פון מאָראַל איז געזעלשאַפטלאכקייט".

„. . . בעת דער אופן פון לעבן ווערט באַשטימט דורך דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון אַ געגעבענער געזעלשאַפט, — האָט אָבער דער געוויסן אַ סך אַ טיפערן אָפּשטאַם, — אין דעם באַוואוסטזיין פון גערעכטיקייט וואָס אַנטוויקלט זיך פיזיאָלאָגיש אין דעם מענשן אַזוי ווי אין אַלע חיות".

„דער זין פון פּערזענלאכער חשיבות איז דער אמת'ער עצם פון גערעכטיגקייט און דער פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ פון דער גאַנצער מאָראַל".

⁂

סאָציאַליסטן, וואָס וועלן דערצויגן ווערן אויף אַט אַזאַ מאָראַליש־עטישער אידעאָלאָגיע, וועלן אונטער קיינע אומשטענדן ניט קענען ווערן דער פּאָטענציעלער רויער מאַטעריאַל פאַר פאַשיסטישע און נאַצישע באַוועגונגען, וואָס ציען זייער הויפּט־יניקה פון דער פאַרהערלאכונג פון געוואַלט.

אַ סאָציאַליסטישע באוועגונג, וואָס וועט זיין דורכגעדרונ־גען מיט אָט די פּרינציפּן פון מענשלאכקייט, וועט קיינמאָל ניט קענען ווערן אַ מוסטער פאַר באוועגונגען, וואָס זייער הויפּט אַנטרייב־קראַפט איז אַטאַוויסטישער אַנימאַליזם, חיה'שקייט.

בלויז אַזאַ באוועגונג איז ראוי צו דינען דער געזעלשאַפט, דער מענשהייט; בלויז אַזאַ באוועגונג מעג טראָגן דעם נאָמען „סאָציאַליסטישע".

וואָרים, פאַר סאָציאַליסטן מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר ווערן, אַז . . .

— פון קנאה־שנאה, פון בייזוויליקער נקמה, פון רציחה, קען קיין גוטס ניט ארויסקומען.

— בלויז פאַרשטענדעניש, סימפּאַטיע און גוטסקייט איז ראוי צו זיין יענע געבענשטע מוטער, וואָס אין איר טראַכט זאָל אויסגעוואַרעמט און אויסגעכאָוועט ווערן דאָס גליק פון דער מענשהייט.

ניט קיין מלאך, אָבער אויך ניט קיין טייוול

די אוטאָפּיסטיש־סאָציאַליסטישע דענקער פון 18טן יאָר־הונדערט האָבן געגלויבט, אַז דער מענש איז בטבע אַ מלאך. און אויב מענשן לעבן צווישן זיך ניט ווי מלאכים, נאָר ווי וועלף, איז שולדיק אין דעם ניט דער מענש־מלאך, נאָר די פאַלשע אידייען וואָס באַהערשן אים. „די אידייען זיינען די מאַמעס פון די פאַקטן, — האָט געזאָגט אַ געוויסער פראַנצויזישער אוטאָפּיסטיש־סאָציאַליסטישער דענקער, — און די פאַקטן פון היינטיקן טאָג זיינען די קינדער פון די אידייען פון דעם נעכטיקן טאָג".

וויבאַלד אַזוי, איז במילא דערפון געדרונגען, אַז אויב מיר ווילן אַז די „פאַקטן" פון געזעלשאַפטלאַכן לעבן פון דעם מאָרגן זאָלן זיין אַזעלכע וואָס שטימען מיט דער חשיבות פון דעם מענש־מלאך, זיינען מיר מחויב היינט צו פאַרשפּרייטן די אידייען פון פרייהייט, ברידערלאַכקייט און גלייכקייט.

עס זיינען געווען חילוקי־דעות צווישן די אוטאָפּיסטן, ווי

אַזוי די אידייען וועגן סאָציאַלער גערעכטיקייט קענען צום בעסטן און צום שנעלסטן ווירקן אויף מענשלאַכע מוחות. אייניגע האָבן געמיינט, אַז אַלץ וואָס מ׳דאַרף טאָן, איז... פאַרשפּרייטן די דאָזיקע אידייען, און זיי, די אידייען, וועלן שוין אַליין טראָגן פּרוכט. אַנדערע האָבן געמיינט, אַז פּראָפּאַגאַנדע אַליין איז ניט גענוג; אַז כדי צו איבערצייגן מענשן, אַז אַ קאָאָפּעראַטי־ווער צוזאַמענלעבן איז בעסער ווי די קאָנקורענץ־סיסטעם, דאַרפן געשאַפן ווערן געוויסע „מאָדעלן", געוויסע מוסטערן פון גליקלאַכן קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן. דער צד־השוה, אָבער, צווישן אַלע אוטאָפּיסטן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי אַלע האָבן געגלויבט, אַז אַלץ וואָס עס איז נויטיק צו ברענגען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, איז... צו איבערצייגן מענשן, אַז סאָציאַליזם איז בעסער פון קאַפּיטאַליזם.

די מערסטע אוטאָפּיסטיש־סאָציאַליסטישע דענקער זיינען געווען קעגנער פון רעוואָלוציע. סען סימאָן, פוריע, קאָנסידע־ראַן און אַנדערע האָבן באַטראַכט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, איבערהויפּט געוויסע פאַזן אירע, אַלס אַ „קאַטאַסטראָפע".* זיי זיינען געווען קעגן רעוואָלוציע, ערשטנס, ווייל די עקסצעסן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע זיינען נאָך געווען

*) זע ג. פּלעכאַנאָוו׳ס בוך „פון אוטאָפּיע צו וויסנשאַפט", אידיש פ. הוילפערין. פאַרלאַג „טאָמאַר", ווילנע, 1936.

פריש אין זייער זכרון, האבן זיי אפגעשראקן פון רעוואלוציע; צווייטנס, ווייל גלויבנדיק אין דעם אבסאלוטן כוח פון דעם געדאנק, פון דער אידייע, איז אין זייערע אויגן ניט נאר רעוואלוציע, נאר אויך קאמף געווען אן אומנויטיקע, איבעריקע זאך. דעם פלאץ פון קאמף האט ביי די אוטאפיסטן פארנומען די פראפאגאנדע. און עס איז פארשטענדלאך פארוואס. אויב מענשן זיינען בטבע מלאכים, איז דאך אייגנטלאך אן עבירה קעגן זיי צו קעמפן; אזוי שנעל ווי מ'וועט זיי איבערצייגן אז א סאציאליסטישע ארדענונג איז בעסער, גערעכטער, מענשלאכער ווי א קאפיטאליסטישע ארדענונג, וועט קומען א סוף צום קאפיטאליזם און מיר וועלן האבן סאציאליזם.

די טעות'ן פון די אוטאפיסטן האבן זיך, מיט איין ווארט, גענומען דערפון, וואס זיי האבן געוואלדיק איבערטריבן די גוטסקייט פון דער מענשלאכער נאטור.

איז געקומען דער מארקסיזם און האט, צווישן אנדערעס, אריינגעבראכט אין דעם סאציאליזם צוויי געזונט־רעאליסטישע געדאנקען, — ערשטנס, דעם געדאנק פון געזעלשאפטלאכקייט. און צווייטנס, דעם געדאנק פון דער זעלבסט־טעטיגקייט פון די פאלקס־מאסן.

דער געדאנק פון געזעלשאפטלאכקייט האט אנטשיידן געלייקנט, אז מ'קען עפעס דערגרייכן אין געזעלשאפטלאכן

פאַרנעם דורך „מאָדעלן", דורך „מוסטערן", אָדער דורכדעם וואָס אַ גוטהאַרציקער באַלעבאָס דאָ און דאָרט וועט פאַרבעסערן די מערכה פון זיינע אַרבעטער. קיין דערגרייכונג, קיין רע־פאָרמע, קען ניט האָבן קיין ממשות, סיידן זי ווערט דורכגע־פירט אין געזעלשאַפטלאַכן פאַרנעם.

דער געדאַנק פון זעלבסט־טעטיקייט, ווידער, איז באַ־שטאַנען דערויף, אַז די לאַגע פון די פאָלקס־מאַסן וועט קיינ־מאָל ניט ווערן בעסער, סיידן זיי וועלן די זאַך נעמען אין די אייגענע הענט, סיידן זיי וועלן קעמפן דערפאַר מיט אַנט־שלאָסנקייט. וואָרים עס איז ניט אמת, אַז מ'קען עפּעס דער־גרייכן אָן קאַמף; עס איז ניט אמת, אַז דער מענש איז אַזאַ גוטינקער און פרומינקער, אַז ער וועט צוריק אָפּגעבן דאָס וואָס ער האָט, ווען מ'זאָל אים איבערצייגן אַז ער האָט דאָס באַקומען אויף אַ ניט־יושר'דיקן אופן.

ווי געזאָגט, זיינען אָט די צוויי געדאַנקען זייער רעאַליס־טישע. די צרה איז נאָר, וואָס דער צווייטער געדאַנק, דער געדאַנק וועגן זעלבסט־טעטיגקייט, איז פון דעם מאַרקסיזם דערפירט געוואָרן צו אַזאַ עקסטרעם, אַז ער איז געוואָרן כמעט אַנטי־סאָציאַל. אַנשטאָט אַ געדאַנק פון זעלבסט־טעטיגקייט איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געדאַנק פון פאַרניכטונג, פון מלחמה „עד חרמה". אַנשטאָט אַ געדאַנק, אַז אַן קאַמף קען

גאָרניט דערגרייכט ווערן, וואָרים דער מענש איז ווייט ניט קיין מלאך, איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער געוואַלטיקער איבערטרייבונג, אַז דער מענש איז בטבע אַ גייסטיקע פאַר־זעניש, אַ טייוול.

ביידע איינשטעלונגען, — סיי פון די אוטאָפּיסטן, סיי פון די מאַרקסיסטן, — זיינען, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויס־דריקן, פילאָזאָפישער אָדער סאָציאָלאָגישער שונדיזם. שריפט־שטעלער, וואָס די העלדן פון זייערע ראָמאַנען ווערן געמאָלט אָדער ווי מלאכים אָדער ווי טייוואָלים, ווערן באַטראַכט פאַר שונד־שרייבער. דאָס זעלבע איז אויך אמת אין דער פילאָזאָפיע און אין דער סאָציאָלאָגיע. דער רעאַליזם אין דער פילאָזאָפיע מוז פאַרוואַרפן די שיטה, אַז דער מענש איז בטבע אַ חיה, צוזאַ־מען מיט דער שיטה, אַז ער איז בטבע אַ מלאך, — גענוי אַזוי ווי דער רעאַליזם אין דער ליטעראַטור טוט עס. וואָרים דער אמת איז, אַז ביידע שיטות זיינען איבערטרייבונגען.

און אויב מ׳זאָל באַטראַכטן די מלאך־שיטה אַלס טעזיס און די טייוול־שיטה אַלס אַנטי־טעזיס, — דעמאָלט מעג מען באַטראַכטן קראָפּאָטקינס שיטה אַלס דעם סינטעזיס, וואָס פאַר־אייניקט אין זיך דאָס גוטע, דאָס רעאַליסטישע פון ביידע סאָ־ציאַליסטישע שיטות.

אַנערקענענדיק די פּרינציפּן פון געזעלשאַפטלאַכקייט און

פון זעלבסט־טעטיגקייט, פאַרוואַרפט אָבער קראָפּאָטקין דעם געדאַנק אַז דער מענש איז בטבע אַ זעלבסטזיכטיקע באַשעפעניש; אַז ער ווערט באַווירקט פון מאָגן־אינטערעסן אַליין; אַז מאָראַלישע און עטישע באַגריפן האָבן אויף אים קיין שליטה ניט, וואָרים — ווי דער מאַרקסיזם וויל האָבן — עס איז בכלל גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַבסאָלוטע באַגריפן פון אמת, שכל און יושר.

אויפן ערשטן בליק קען זיך אויסווייזן, אַז קראָפּאָטקין אַליין געהערט צו דער אוטאָפּיסטישער שיטה. באַווייזט ער דען ניט אין זיינע ווערק, אַז דער מענש ווערט באַוועלטיקט פון דעם אינסטינקט פון קעגנזייטיקער הילף; אַז ער האָט אַן אינערלאַכע באַדערפעניש און אַ הנאה פון העלפן דעם מיט־מענשן? גייט ער דען ניט נאָך אַ שריט ווייטער אפילו פון פּרודאָנ'ען — בעת פּרודאָן זאָגט, אַז דער געפיל פון יושר זאָגט־אונטער דעם מענשן, אַז דער מיט־מענש איז באַרעכטיקט צו דעם, „וויפיל עס קומט אים", זאָגט קראָפּאָטקין, אַז דער אינסטינקט פון קעגנזייטיקער הילף זאָגט־אונטער דעם מענשן: „גיב דיין חבר מער וויפיל עס קומט אים"? מוז מען דערפון ניט דרינגען, אַז, פּונקט ווי די אוטאָפּיסטן, האָט קראָפּאָטקין איבערטריבן די גוטסקייט פון דעם מענשן, און אַז ער איז געווען צו איינזייטיק?

דער ענטפער אויף אָט אַזעלכע פראַגן איז, אַז קראָפּאָטקין האָט בשום אופן ניט באַהויפּטעט, אַז קעגנזייטיקע הילף איז די איינציקע קראַפט וואָס באַוועגט מענשן. ער האָט בלויז געזאָגט, אַז אַ חוץ דעם געזעץ פון קעגנזייטיקן קאַמף איז אויך פאַראַן אַ געזעץ פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס שפּילט נאָך אַ וויכטיקערע ראָלע אין דעם לעבנס־קאַמף איידער קעגנזייטיקער קאַמף. ביידע כוחות, הייסט עס, טרייבן אָן די געזעלשאַפט צו פּראָגרעס. אויב קראָפּאָטקין האָט זיך אָפּגעגעבן הויפּטזעכלאַך מיט באַווייזן און באַטאָנען די געזעלשאַפטלאַכע באַדייטונג פון קעגנזייטיקער הילף, האָט ער דאָס געטאָן דערפאַר ווייל דער באַגריף וועגן „גרויזאַמען, אומדערבאַרמלאַכן קאַמף פאַרן לעבן", אין זיין איבערטריבענער מאַרקסיסטישער אויסטייטשונג, האָט געדראָעט דורך דער „פאַרהערלאַכונג פון גוואַלט" אויפצופרעסן דעם סאַמע עיקר פון דעם געזעלשאַפטלאַכקייט־פּרינציפּ.

קראָפּאָטקין האָט געהאַט אַ וויטן קוק. ער האָט באַצייטנס אָנגעוויזן אויף דער געפאַר. אונזער דור, דער דור פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכער איז אַזוי ביטער אַנטוישט געוואָרן, דאַרף, אויב ער וויל ניט אינגאַנצן פאַרצווייפלען, זיך נעמען צוהערן צו דעם סינטעז צווישן קאַמף און קעגנזייטיקער הילף, וואָס קראָפּאָטקין האָט געשאַפן.

וואָרים קיינמאָל האָט זיך די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אַזוי ניט געגויטיקט אין אַט דעם סינטעז ווי איצט.

קיינמאָל איז ניט אַזוי נויטיק געווען צוריק אויפשטעלן דעם גלויבן אין דעם מענשן ווי אין אונזער צייט.

***

עס איז לחלוטין ניט נויטיק זיך אַריינצולאָזן אין טיפע פילאָזאָפישע חקירות, צי „דאָס דענקען באַשטימט דאָס זיין, אָדער דאָס זיין באַשטימט דאָס דענקען", אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, צי „דאָס באַוואוסטזיין באַשטימט מיט זיך דאָס זיין, אָדער דאָס זיין באַשטימט דאָס באַוואוסטזיין". אַזעלכע פראַגן קענען רואיק איבערגעלאָזט ווערן פאַר פילאָזאָפן און פאָרשער.

אפילו ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז אין לעצטן סך־הכל ווערט דאָס באַוואוסטזיין באַשטימט פון דאָס זיין, פון די אומשטענדן, — קענען מיר אָבער דאָך ניט לייקענען די גוואַלדיקע ראָלע, וואָס דאָס באַוואוסטזיין, דער געדאַנק, די אידייע, די דערציאונג, שפּילן אין מענשלאַכן לעבן.

ווען אַ קינד קומט אויף דער וועלט, איז עס אַן עגאָ־צענטרישע חיה'לע. עס ווייס נאָר פון זיינע אייגענע באַדער־פעונישן. עס איז פול מיט קאַפּריזן. עס האָט ניט קיין געדולד. ווען עס וויל עפּעס, מוז עס תיכף באַשאַפן ווערן. אַניט, וויינט עס, מאַכט עס גוואַלדן, וואָרפט עס זיך. פונדעסטוועגן זעען

מיר, אַז מיט דער צייט ווערט פון דעם קינד אַ „מענש" — מיט געדולד, מיט איינזעעניש פאַר אַנדערע, מיט רעספּעקט פאַר עלטערע, מיט דער פעאיגקייט אין פאַרשיידענע גראַדן זיך אָפּצוזאָגן פון דער צופרידנשטעלונג פון אייגענע פאַרלאַנגען צוליב אַנדערע, נאָך מער — מיט דער גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַר אַנדערע, ווען דאָס איז נויטיק. ווי אַזוי ווערט דער דאָזיקער רעזולטאַט דערגרייכט? דער ענטפער קען זיין נאָר איינער — דאָס ווערט דערגרייכט דורך דערציאונג, דורך שולונג, דורך מאָראַלע לערעס א. א .וו., א. וו. ווען דער שוואַכער טאַטע לאָזט אַרונטער אַ פּאַטש זיין זון, דעם גרויסן, שטאַרקן „בייבאַק", און יענער גיט אים ניט צוריק, — קען דען ווער־עס־איז לייקענען, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם כוח פונם „כבד את אביך ואת אמך", פון דעם אַלגעמיין אַנערקענטן מאָראַלן כלל, אַז „אַ טאַטן גיט מען ניט צוריק"? באַווייזט דען ניט אפילו איין־איינציקער פאַל אַזעלכער דעם גוואַלדיקן כוח פון דער מאָראַלער אידייע?

ווי אַזוי און פון וואַנען מענשלאַכע אידעאַלן און מאָראַלישע באַגריפן זאָלן ניט אַנטשטיין, — נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין פאַראַן, שפּילן זיי פאַרט אַ גוואַלדיקע ראָלע אין לעבן!

און אויב מיר זעען, אַז דער פאַרזוך צו מאַכן צו קליינ־

געלט, צו פאַרלייקענען דעם מאָראַלן פאַקטאָר פירט צו דער „פאַרהערלאָכונג פון גוואַלט”, צו שווידערלאַכער ברוטאַליזאַציע און ציניזם — זיינען מיר מחויב די דאָזיקע געדאַנקען צו באַקעמפן.

מיר זיינען מחויב אָנצואווייזן, אַז אפילו קאַמף, מלחמה, האָט אויך געוויסע גרעניצן, וועלכע טאָרן ניט איבערגעטראָטן ווערן, — גרעניצן, וואָס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן דורך יענעם אוצר פון מאָראַלע באַגריפן וואָס דאָס מענשלאַכע געוויסן האָט אָנערקענט אַלס זיינע אייגענע. אַזאַ מאָראַלער באַגריף איז, למשל, אַז קריגס־געפאַנגענע, ד. ה. אַנטוואָפנטע מענשן, טאָרן ניט גע'הרג'עט ווערן.

מיר זיינען מחויב אָנצואווייזן, אַז דער מענשלאַכער פאָרטשריט איז זייער אַ לאַנגזאַמער פראָצעס; אַז עס נעמט זייער לאַנג ביז אַ געוויסער מאָראַלישער באַגריף ווערט איינגעבירגערט אין דעם מענשלאַכן באַוואוסטזיין; און אַז דעריבער איז עס אַ פאַרברעכן אונטערצוגראָבן אָדער צו שאַדן די באַגריפן פון מענשלאַכקייט וועלכע האָבן שוין געפונען אַן אָרט אין מענשלאַכע מוחות און הערצער. אַזעלכע מאָראַלע באַגריפן זיינען, למשל, די אָנערקענטע יוסטיץ־פּרינציפּן, אַז קיין מענש טאָר ניט באַטראַכט ווערן שולדיק כל זמן זיין שולד איז ניט באַוויזן געוואָרן; אַז מ'טאָר ניט דורך קאַפּריזנע שולדיקייטס־

פראָבעס, דורך די אַזוי גערופענע „אַרדיעלס״, באַשטימען די שולד אָדער אומשולד פון אַן אַנגעקלאָגטן; אַז מ׳טאָר ניט באַשטראָפן איינעם פאַר די זינד פון אַ צווייטן, אפילו ווען יענער איז דעם באַשולדיקטנס אַ קרוב; אַז מ׳טאָר ניט צוווינ־גען מענטשן זיך מודה צו זיין אין פאַרברעכנס דורך מאַטערן זיי, און אוודאי ניט דורך מאַטערן זייערע נאָענטע און ליבע, דורך נעמען „מענשלאַכע משכנות״ און אויף אַנדערע וועגן, א. אַ. וו.

מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַן אַרטיקל אין אַ אידישער צייטונג וועגן דעם, ווי שווער עס קומט אָן דעם מענשן זיך צו דערשלאָגן צו העכע־רע מאָראַלישע באַגריפן פון מענשלאַכקייט. און ווי טייער מיר דאַרפן האַלטן — ממש ווי דאָס אויג אין קאָפּ — יעדע דער־גרייכונג אַזאַ, אפילו די קלענסטע. איך האָב ניט פאַר זיך דעם דאָזיקן אַרטיקל, אָבער איך געדענק זייער גוט זיינע הנחות און אויספירונגען. —

דער מענש איז אַ פלייש־עסער. ער דער׳הרג׳עט אַנדערע חיות און פרעסט זיי אויף. וואָס קען זיין מאָראַליש אומוויר־דיקער ווי דאָס מענשלאַכע פאַרצוקן פון אַנדערע חיות?! פונדעסטוועגן מוז אָנערקענט ווערן, אַז עס איז פאַראַן אַ גרויי־

סער חילוק צווישן עסן „אבר מן החי", ווי דער ווילדער מענש פלעגט טאָן, און עסן פליישׁ, וואָס ווערט צוגעגרייט לויט די כללים פון אידישער שחיטה, למשל. אויבערפלעכלאַך קען זיך אויסווייזן, אַז עס איז אַלץ איינס, צי די חיה ווערט צע־ריסן און אויפגעפרעסן, אָדער זי ווערט געשאָכטן לויט געוויסע פאַרשריפטן; זי ווערט דאָך אין ביידע פאַלן גליך אויפ־געפרעסן. דאָס איז אָבער פאַלש. צווישן הרג'ענען די חיה, ניט רעכענענדיק זיך דערביי מיט אירע ווייטיקן, און הרג'ענען איר מיט אַ מינימום שמערצן, איז פאַראַן אַ גוואַלטיקער אונ־טערשייד. אַט דאָס וואָס דעם שוחט'ס חלף טאָר אויף זיך ניט האָבן די מינדסטע פגימה'לע, דעם מינדעסטן טשירבעקל, איז שוין אַ גרויסע מאָראַלישע דערגרייכונג. אַט די קליינע, דוכט זיך אומאַבדייטנדע, דערגרייכונג שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסן מאָראַלישן שריט פאָרווערטס. ווי אומוויכטיק אַזעלכע קליינינקע דערגרייכונגען זאָלן זיך ניט אויסווייזן, זיינען זיי אָבער אַ באַראָמעטער, וואָס ווייזט, אַז דער מענשלאכער געוויסן איז, אויב אַפילו אויף אַ האָרעלע, געוואָרן סענסיטיווער, פיינער, איידעלער — און מ'טאָר ניט טאָן קיין זאַך, וואָס זאָל מבטל מאַכן אַט די דאָזיקע דערגרייכונג.

אַז דער לעזער וועט זיין מיט צען קעפּ, וועט ער ניט טרעפן, ווער עס האָט ביי אונז אַזאַ אַרטיקל געקענט שרייבן.

לאָמיר אייך אויסזאָגן, אַז דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי... דר. חיים זשיטלאָווסקי.

היינט־צו־טאָג האָט דר. זשיטלאָווסקי, ווי עס ווייזט אויס, איינגאַנצן פאַרלוירן די פּערספּעקטיוו פון דער היסטאָרישער באַדייטונג פון יענע קליינינקע מאָראַלישע דערגרייכונגען, וואָס אין זייער סכום שטעלן זיי מיט זיך פאָר „מענשלאַכקייט". היינט איז ער געניגט צו זיין גלייכגילטיק ווען חלפים פול מיט „שטשירבעס" דריפּען, ניט איבער די העלזער פון שאָף און רינדער, נאָר איבער די העלזער פון מענשן, פון חברים, פון מיטקעמפער. היינט איז ער גרייט — צוליב „סאָציאַליסטישע דערגרייכונגען" — צו געבן זיין הסכמה אויף דער פאַרבויגונג פון יענער „מענטשלאַכקייט", פון וועלכער ער אַליין האָט אַמאָל אַזוי שטאַרק געהאַלטן. מענשן מיט נאָרמאַלע אינסטינקטן פון מענשלאַכקייט ווילן זיך ניט זעצן ביי איין טיש מיט אַ הענקער, הגם עס איז פאַר זיי קלאָר, אַז דער תליון פירט בלויז אויס דעם אורטייל וואָס אַנדערע האָבן אַרויסגעגעבן; דר. זשיטלאָוולקי, אָבער, איז גרייט אָנצונעמען די האַנט, וואָס איז דירעקט פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דאָס פאַרגאָסענע בלוט. דאָס איז אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש, וואָס דאַרף נאָך ערשט אויפגעקלערט ווערן. אָבער וואָס איז שייך אונז, זיינען מיר זיכער, אַז ניט היינט איז דר. זשיט־

לאָווסקי גערעכט; אַז גערעכט איז ער געווען דעמאָלט, ווען ער איז געווען גרייט זיך איינצושטעלן פאַר אַ חלק אַן דער מינדסטער פגימה׳לע.

און אַז מיר זעען, ווי אַט די אַלע מאָראַלישע באַגריפן זיינען אין דער רוסישער רעוואָלוציע פאַרשוועכט געוואָרן, און ווערן פאַרשוועכט ביז היינטיקן טאָג — ניט נאָר פון די מאַסן, וואָס דאָס קען מען נאָך פאַרשטיין און אפשר אויך פאַר־געבן, נאָר פון דער קאָנסטיטואירטער סאָציאַליסטישער רע־גירונג; און אַז מיר האָבן אַ גוטן גרונט חושד צו זיין, אַז ביז אַ גרויסן גראַד איז פאַראַנטוואָרטלאַך דערפאַר אַט יענע „פאַרהערלאַכונג פון גוואַלט״ וואָס דער מאַרקסיזם האָט אריינ־געבראַכט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, —

דעמאָלט איז אונזער הייליקע פליכט אַרויסצוטראָגן אין דער עפנטלאַכקייט דעם קאַמף קעגן דער „פאַרהערלאַכונג פון גוואַלט״;

דעמאָלט איז אונזער פליכט צו וועקן די אויפמערקזאַמ־קייט פון סאָציאַליסטן צו דעם מאָראַלישן פאַקטאָר, וואָס שפילט אַזאַ באַדייטנדע ראָלע אין געזעלשאַפטלאַכע באַציאונגען;

דעמאָלט איז אונזער פליכט צו פראָקלאַמירן פון אַלע דעכער, אַז איבער אַלע פּלענער, איבער אַלע טעאָריעס שטייט דער מענש;

דעמאָלט איז אונזער פליכט צו דערקלערן, אַז יעדע תורה, יעדע באַוועגונג, וואָס פאַרשוועכט די חשיבות פון דעם מענטשן, איז ניט נאָר אָפּאָרטוניסטיש, נאָר איז ביזן עקסטן גראַד רעאַקציאָנער און שעדלאַך פאַר דעם מענטשלאַכן וואויל־זיין;

דעמאָלט איז אונזער פליכט קלאָר צו מאַכן, אַז הגם סאָציאַליזם איז אַ טייל פון מענטשלאַכקייט און ווערט דיקטירט דורך איר, קען אָבער סאָציאַליזם בשום אופן ניט אָוועקגע־שטעלט ווערן אַלס העכער און איבער מענטשלאַכקייט, און אין זיין נאָמען טאָרן ניט פאַרשוועכט ווערן די מאָראַלע דער־גרייכונגען פון מענטשלאַכקייט.

צוריק צום מענטשן! — דאָס דאַרף ווערן דער לאָזונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.